# עולת שבת בשבתו

**ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת אמור | כיתה ו' ז' תשע"א לפ"ק


## דורש טוב

**צו את אהרן ויקחו אליך שמן זית זך:** נאכדעם וואס די תורה רעכנט אויס אלע ימים טובים, שטייט די פרשה פון הדלקת המנורה, לכאורה וואס איז דער שייכות פון די פרשיות?

זאגט דער הייליגער **בני יששכר** זי"ע אין נאמען פון "**רוקח**" וואס ער האט מקבל געווען פון אליהו הנביא, אז דא איז מרומז דער יו"ט חנוכה, די מצוה פון הדלקת נר חנוכה, וואס כאטש עס איז נאר א יו"ט וואס די רבנן האבן מתקן געווען, דאך איז עס מרומז אין די תורה נעבן די ימים טובים.

*

**שש המערכות על השלחן הטהור לפני ה':**

דער **חתם סופר** אויף מס' מגילה איז מחדש אז אויך דער יו"ט פורים איז מרומז די וואך אין די סדרה, ווייל נאך די פרשה פון שמן זית (וואס ווי דער רוקח זאגט מיינט דעם יו"ט חנוכה) שטייט די פרשה פונעם שולחן און דער לחם הפנים, און די גמרא אין מס' מגילה (דף י"ב ע"ב) דרש'ענט דעם פסוק אין די מגילה "והקרב אליו כרשנא שתר אדמתא תרשיש" אמר רבי לוי, כל פסוק זה על שום קרבנות נאמר, דער גאנצער פסוק דרש'נט מען אויף די קרבנות וואס אידישע קינדער האבן געברענגט אין ביהמ"ק, כרשנא, איז א לשון פון די קרבנות כרים בני שנה. שתר, איז א לשון פון שתי תורים, צוויי אקסן וואס מ'האט מקריב געווען

## ידיעות פון די וואך

### יום המר והנמהר ה' אייר

קומענדיגן מאנטאג גאפאלט אויס דער ביטערער טאג **ה' אייר**, וואס אין דעם טאג מיט 63 יאר צוריק איז ליידער געגרינדעט געווארן די ציוני'סטישע מדינה, וואס איז א אפענע מרידה במלכות שמים און צוליב דעם געפונען מיר זיך נאך אלץ אין דעם ביטערן גלות.

די ציונים האבן ליידער געמאכט דעם טאג פאר א יום טוב, און זיי האבן דאס א נאמען געגעבן "**יום העצמאות**" וואס דאס מיינט 'דער טאג וואס מען איז געווארן זעלבסטשטענדיג', דער טאג וואס מען האט אראפגעווארפן פון זיך דעם יאך פון די גוים, מען האט ווידערגעשפעניגט אינעם גזירת הגלות, און מען איז געווארן א זעלבסטשטענדיגע פאלק אזוי ווי אלע גוי'אישע פעלקער.

זיי טועהן פייערן דעם טאג מיט אלע ערליי הוללות און תועבות, ווי א טמא'נע גוי'אישע חאגע, ליידער, זענען דא אזעלכע וואס זאגן אין דעם טאג "**הלל**" וואס דערמיט טועהן זיי פולפאכיג פארגרעסערן דעם חרון אף פון השי"ת ר"ל. ביי ערליכע אידן איז דער טאג א יום צרה ותענית, ווען מען קלאקט אויף די צרה וואס האט ליידער געטראפן כלל ישראל, דער רבי בעל דברי יואל זי"ע האט באפוילן אז מען זאל אין דעם טאג אלעמאל זאגן תחנון אפילו ווען עס געפאלט אויס פרייטאג.

איז יעצט א פאסיגע צייט אראפצוברענגען פון די ווערטער וואס דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** האט ביי פארשידענע געלעגנהייטן גערעדט און געשריבן מיט בלוט פון זיין הייליג הארץ איבער דעם שווערן יום צרה וואס דער טאג איז פאר כלל ישראל.

דער רבי שרייבט אין א בריוו: "דאס וואס ער האט געפרעגט וועגן זאגן הלל אין דעם טאג, איז קלאר פון די גמרא אז ווער עס זאגט הלל אין דעם טאג איז נישטא קיין גרעסערע לעסטערונג אינעם אייבירשטנס נאמען ווי דאס"... "עס איז קלאר און קיין שום ספק אז ווען נישט זיי וואלט שוין לאנג דער גואל צדק געקומען, זיי זענען די וואס טוען אפהאלטן די גאולה שלימה" (מכתבים ח"א סי' ע"ג).

"בעוונותינו הרבים, ווי איז פאר אונז אז אזאנס האט געקענט געשעהן אין אונזערע טעג, וואס מיר זעהן צו דאס נידריגקייט פון אונזער דור, ווער האט אמאל אזוינס געקלערט אז עס וועלן זיך געפונען צווישן אידן שומרי תורה, אפילו חסידים, וואס זאלן זיך פרייען מיט די וואס טועהן דערצערענען דעם אייבערשטן אין דעם ביטערן טאג ה' אייר, וואס די רשעים האבן אויפגעשטעלט זייער ממשלה דער יסוד פון מינות וכפירה אויף די וועלט, וואס עס איז דא דערין די דריי הארבסטע עבירות עבודה זרה גילוי עריות, שפיכת דמים, דורך זיי איז פארגאסן געווארן דאס בלוט פון צענדליגער טויזענטער אידן אזוי ווי וואסער, און עס איז נישטא קיין גרעסערע לעסטערונג אין אייבערשטנס נאמען פון דאס אז אידן שומרי תורה זאלן אין דעם טאג מאכן א יום טוב, און עס איז ממש א איסור ביהרג ואל יעבור זיך צו פרייען מיט זייער שמחה, עס איז ביי מיר קלאר אז יעדער וואס האט א חלק אין זייער שמחה ווערט גערעכנט ווי א פיינט פונעם אייבערשטן השם ישמרינו מהם ומהמונם".

"עס איז ביי מיר קלאר אז ווען די הייליגע חכמים וואלטן נאך היינט געלעבט וואלטן זיי גוזר תענית געווען פאר גאנץ כלל ישראל" (דברי יואל תזריע דף שס"ו, ס"ג תשט"ז, ויואל משה מאמר א' סי' קמ"ד).

"מיט 200 יאר צוריק האבן די גדולי ישראל וואס האבן דעמאלטס געוואוינט אין ארה"ק געמאכט א תקנה אז איינער וואס איז נישט ערליך טאר נישט וואוינען אין ארץ ישראל, און מען דארף אים פארטרייבן פון דארט, עס איז א פלא אז דער טאג וואס די תקנה איז אונטערגעשריבן געווארן איז פונקט געווען ה' אייר, דער ביטערער טאג וואס די פיינט פונעם אייבערשטן האבן זיך אויפגעשטעלט צו געוועלטיגן אויף כלל ישראל, און דאס טוט צוברעכן דעם גאנצן כח הקדושה פון כלל ישראל אויף א שרעקליכן אופן, דייקא אין דעם טאג האבן די אמאליגע צדיקים זיך ערוועקט צו מאכן שטארקע תקנות אז ארץ ישראל זאל נישט פארשוועכט ווערן, און די כוחות הטומאה זאלן נישט קענען שעדיגן דאס הייליגקייט פון אר"י" (ויואל משה מאמר ב' סי' קכ"א).

אין ביהמ"ק. אדמתא, איז א לשון פון מזבח אדמה. תרשיש, א לשון פון די בגדי כהונה, וואס האט געהאט די שטיינער תרשיש שהם וישפה. מרס, איז א לשון פון מישן דאס בלוט פון די קרבנות. מרסנא, איז מישן דאס בלוט פון די מנחות, ממוכן, איז א לשון פון צוגרייטן דעם טיש.

זען מיר פון דעם אז דער נאמען ממוכן איז א רמז מעורר צו זיין דעם זכות פונעם שולחן מיטן לחם הפנים וואס די אידן האבן צוגעגרייט אין ביהמ"ק.

די גמרא זאגט דארט אז ממוכן זה המן, ולמא נקרא שמו ממוכן שמוכן לפרעניות, קומט אויס אז א דאנק דעם זכות פונעם שולחן מיטן לחם הפנים וואס איז מרומז אינעם נאמען ממוכן איז נגרם געווארן די מפלה פאר המן, און דער גרויסער נס פורים, און דאס איז מרומז אין די פרשה פונעם שולחן אין די וואכענדיגע סדרה.

## מוסר הפרשה

**ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו:**

דער הייליגער **קדושת יו"ט זי"ע** טייטשט, אז די כהנים וואס טוען די עבודה ברבים דארפן זיין געווארנט צו טוהן די עבודה לשם שמים, נישט ווייל יענער זעהט, נאר צו טוהן א נחת רוח פאר השי"ת.

דאס זאגט דער פסוק **ואמרת אליהם** דו זאלסט זאגן פאר די כהנים, **לנפש לא יטמא** ער זאל נישט מטמא זיין די אייגענע נשמה, **בעמיו** ווען ער טוט די עבודה צווישן זיין פאלק, ווען מענטשן זעהען.

*

**ביום ההוא יאכל, לא תותירו ממנו עד בוקר, אני ה'.**

טייטשט דער הייליגער **ישמח משה זי"ע** לויט דעם וואס די גמרא זאגט: אויב איינער האט צו עסן אויפן היינטיגן טאג און ער זארגט זיך וואס ער וועט עסן מארגן, דער האט ווייניג אמונה אין השי"ת, ווייל דער זעלבער באשעפער וואס

האט אים צוגעשטעלט עסן אויף היינט וועט אים צושטעלן עסן אויף מארגן. דאס איז מרומז אין פסוק: **ביום ההוא** יאכל אין דעם טאג האסטו וואס צו עסן, **לא תותירו ממנו עד בוקר**, זאלסטו נישט איבערלאזן אויף מארגן, כדי דו זאלסט מארגן אויך האבן וואס צו עסן, ווייל **אני ה'**, איך בין דער באשעפער וואס האט דיר געגעבן היינט צו עסן, און איך וועל דיר מארגן אויך געבן צו עסן.

## מעשה רב

עס איז אמאל געקומען צום רבי'ן בעל דברי יואל זללה"ה א חסיד'ישער איד וואס איז געווען פארכאפט אין ציונות, דאס הייסט אז ער האט געהאלטן אז עס וואלט געווען א גוטע זאך אז די מדינה פירט זיך ווען על פי תורה, און אז דאס וואס די ציונים האבן איינגענומען די מדינה איז א סימן אז מען האלט שוין פאר די גאולה, און נאך אזעלכע אפיקורס'ישע געדאנקען מיט וואס אסאך אידן אין ארץ ישראל דרייען זיך נעבעך ארום.

דער רבי האט מיט דעם איד גערעדט איבער דעם ענין, און ער האט אים אויפגעקלערט ווי ווייט עס איז א איסור גמור צו האבן אזעלכע מיינונגען וואס איז רעכט מינות וכפירה, און א איד וואס גלייבט אין השי"ת דארף צו ווייסן אז יעדע זאך וואס האט נאר שייכות מיט ציונות אדער די ציונים איז א ביטערער אומגליק פאר כלל ישראל, און דאס איז דער גורם אז משיח צדקינו איז נאך אלס נישט געקומען.

בתוך הדברים האט דער רבי אים געזאגט איבער דעם אויסגעטראכטן "יום טוב" פון די ציונים, ה' אייר, וואס די ציונים האבן באשטימט אלס א יום טוב ר"ל, און זיי רופן דאס "חג העצמאות" דאס מיינט "דער יום טוב פון זעלבסטשטענדיגקייט" און זיי פרייען זיך אין דעם טאג מיט גרויסע פאראדעס. און די פרומע ציונים זאגן גאר הלל ביים דאווענען, דער רבי האט מיט וויטאג געשריגן "עס איז נישטא קיין גרעסערע כפירה און ניאוץ פאר השי"ת ווי דאס אז די ציונים זאגן הלל".

האט דער רבי דעמאלטס געזאגט פאר דעם איד בדרך צחות "כ'האב געטראפן ווי עס שטייט אויסגערעכנט אין די תורה דער חג העצמאות מיט די אנדערע ימים טובים". דער איד האט אנגעקוקט דעם רבי'ן מיט וואונדער נישט פארשטייענדיג וואס דער רבי מיינט צו זאגן מיט זיינע ווערטער. האט אים דער רבי געזאגט:

"אין פרשת אמור רעכנט די תורה אויס אלע מועדים, אנגעהויבן פון פסח, שבועות, ראש השנה, יו"כ, סוכות, נאכדעם קומט די פרשה פון די מנורה וואס די ספרים שרייבן אז דאס איז מרומז אויף חנוכה, גלייך נאכדעם הייבט זיך אן די קומענדיגע פרשה 'ויצא בן אשה הישראלית ויקב את שם ה'' אז איינער וואס האט געשטאמט פון א אידישע מאמע האט געלעסטערט דעם אייבערשטנ'ס נאמען, דא איז מרומז די חאגע פון ה' אייר, וואס דאס איז כפירה אין הקב"ה..."

"ווער עס פרייט זיך אין דעם טאג איז פיל ערגער ווי איינער וואס איז א מודה בעבודה זרה, ווייל נישט נאר ער אנערקענט אין די עבודה זרה, נאר ער פריידט זיך מיט די שרעקליכע מרידה וואס איז געמאכט געווארן קעגן השי"ת (ויואל משה מ"ב סי' קנ"ז).

"נאר עס קען זיין אז וועגן דעם זאגט דער פסוק א לשון רבים חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי, אפילו ירבעם האט נאר געמאכט איין יו"ט, ווייל דאס גייט ארויף אויף דעם יו"ט וואס די מינים האבן געמאכט ה' אייר, וואס דאס איז נאך פיל ערגער ווי דער יו"ט וואס ירבעם האט געמאכט, ווייל ער האט דאך נאך עכ"פ געגלייבט אין הקב"ה ער האט נאר געמאכט א טעות ווי די מפרשים זאגן, אבער די ציונים זענען דאך כופרים גמורים בהשי"ת און אין זיין תורה (חידושי תורה מועדים סוכות תשכ"ב).

**וכל הרשעה כולה כעשן תכלה כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ**

# יְדִיעָה אִין דִי פַּרְשָׁה

## ופאת זקנם לא יגלחו

די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר איבער דעם איסור פון **ופאת זקנם לא יגלחו** אז מען טאר זיך נישט אפשערן די בארד, איז דאס ארט צו ברענגען א אינטערעסאנטע מעשה, וואס האט שייכות מיט דעם איסור.

ווען דער צדיק **רבי יהושע פון סאסנאוויץ** ז"ל איז געווען א קינד פון ניין יאר אלט, האט זיין טאטע **הרה"ק ר' שלמה לייב מלענטשא זי"ע** געבעטן דעם **גאון רבי שמואל שינאווער** ז"ל וועלכער איז דעמאלט געווען רב אין לענטשא, אז ער זאל פארהערן זיין קינד יושע. האט אים רבי שמואל צוגערופן און פארהערט די ערשטע משנה אין מסכת גיטין וואו עס שטייט **התקין רבן גמליאל הזקן** (דער אלטער רבן גמליאל האט געמאכט א תקנה), האט דאס קינד אנגעהויבן אזוי צו טייטשן: **התקין רבן גמליאל, רבן גמליאל** האט פארראכטן, **הזקן**, זיין בארד...

רבי שמואל האט געזעהן אז ער פארשטייט אפילו נישט די אפטייטש פון די ווערטער, האט ער אים מער נישט פארהערט, נאר ער האט זיך זייער געערגערט וויל ער דארף דאך עפעס זאגן פארן טאטן פונעם קינד, וועלכער וועט אים זיכער פרעגן וויאזוי דאס קינד האט געקענט, און דערווייל קען ער נישט קיין ווארט, נו, וואס זאל ער זאגן?

ווילאנג ער איז נאך געשטאנען און געטראכט איז שוין דער טאטע, **הרה"ק רבי שלמה לייב לענטשער**, צוגעקומען און געפרעגט, נו? ווי אזוי זענט איר צופרידן פון מיין קינד'ס ענטפערס?

האט דער רב געענטפערט דעם אמת, אז צו זיין גרויסן צער קען ער אפילו נישט אפטייטשן די פשוט'ע טייטש פון די ווערטער, און האט דערציילט ווי אזוי דאס קינד האט געזאגט די משנה. אבער אנשטאט צו האבן צער, האט דער טאטע געזאגט מיט שמחה, אה, איך האב נישט געוויסט אז ער האט שוין אזעלכע גרויסע מדריגות!

שפעטער, ווען דאס קינד איז שוין עלטער געווארן און איז געווארן א גרויסער מפורסם'דיגער צדיק, דעמאלט איז ארויס א גזירה פון די רעגירונג אז אידן מוזן אפשניידן די בערד, האט דעמאלט דער צדיק געזאגט אזוי:

"אין מיין יונגע יארן האב איך געטייטשט די משנה, **התקין רבן גמליאל, רבן גמליאל** האט פארראכטן, **הזקן**, די בערד פון אידישע קינדער, אז קיין שום פאלק זאל נישט קענען האבן קיין שליטה אויף זיי".

נאך א קורצע צייט איז די גזירה בטל געווארן. הערשט דאן האט מען פארשטאנען וואס דער פאטער האט שוין אויף אים געזען אלס קליין קינד.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**